בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאֲרְן שַׁבָּת טִישׁ

## עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין עֶרְגֶער

גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

מעשה 13

---

דֶער אַרַאבֶּער וֶוערְט צֶעמִישְׁט, עֶר גֵייט צוּ צוּם צַדִּיק אוּן פְרֶעגְט אִים: ״פַאְרְוָואס זָאגְסְטוּ מִיר יְיַשֶׁר כֹּחַ, אִיךְ הָאבּ דִיר דָאךְ גֶעוָוארְפְן אַ בַּאנַאנֶע שָׁאלַאכְטְס?״ זָאג דֶער צַדִּיק: ״אַ דַאנְק אַז דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט גֶעוָוארְפְן אַ שְׁטֵיין״.

קִינְדֶער דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנְט אוּנְז, וֶוען עֶס גֵייט עֶפֶּעס נִישְׁט גוּט – זָאל מֶען אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס, דֶער צַדִּיק וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט וֵויינֶען אַז מֶען הָאט אִים שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, נֵיין, דֶער צַדִּיק וֵויינְט נִישְׁט, דֶער צַדִּיק לַאכְט, דֶער צַדִּיק זָאגְט ״שְׁכֹּחַ״, דֶער צַדִּיק לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט זַיין עֶרְגֶער.

אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דִי צַדִּיקִים, זֵייעֶרֶע עֵצוֹת – וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִּיק.

צו הערן די מעשה דערציילט דורך דער ראש ישיבה שליט״א אין ׳קול ברסלב׳

טלפון: 079-70-400-66 שלוחה 1.5.2.1 -

## עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין עֶרְגֶער

דֶער צַדִיק רֶבִּי יוֹסֵף חַיִּים זָאנֶענְפֶעלְד זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, דֶער רָב אִין יְרוּשָׁלַיִם גֵייט אִין גַאס, עֶר בְּרוּמְט זִיךְ אוּנְטֶער שְׁטִילֶערְהֵייט אַ תְּנוּעָה׳לֶע, עֶר בֶּענְקְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי טוּעֶן אַלֶע צַדִיקִים, וואוּ זֵיי גֵייעֶן אוּן וואוּ זֵיי שְׁטֵייעֶן – בְּרוּמְט זֵייעֶר הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי בֶּענְקֶען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.



פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אַ יוּנְגֶער אַרַאבֶּער אוּן וַוארְפְט אוֹיפְן צַדִיק אַ שָׁאלַאכְטְס פוּן אַ בַּאנַאנֶע, דֶער צַדִיק פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, דֶער צַדִיק וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן אַרַאבֶּער, דֶער צַדִיק וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אִים.

״כַ-א-טְ אֶ-לְ כַ-א-רַ-א-פ!״ קִינְדֶער עֶנְק וֵוייסְן וָואס דָאס מֵיינְט? אִין אַרַאבִּישׁ זָאגְט מֶען אַ שֵׁיינֶעם דַאנְק, כַאט אֶל כַארַאפ; דֶער צַדִיק זָאגְט פַארְן אַרַאבֶּער ׳אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַארְן וַוארְפְן אוֹיף מִיר דִי שָׁאלַאכְטְס׳.